# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק

## פון כ"ק מרן פוסק הדור

# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

## פרשת מטות מסעי תשפ"ב

### נישט שווייגן ביים זעהן א פירצה אינדערהיים

**"ואם החרש יחריש לה אישה מיום אל יום והקים את כל נדריה או את כל אסריה כו' כי החרש לה ביום שמעו "** (ל' ט"ו)

**אונז** זעהען דא אין די פרשה אז ווען א מענטש הערט ווי זיין פרוי אדער זיין טאכטער מאכט א נדר און ער שווייגט אין די טאג וואס ער האט עס געהערט, הייסט עס אן הסכמה פון זיין זייט, און ער קען עס מער נישט מבטל זיין דורך א הפרה.

**דאס** איז א שטארקן מוסר פאר יעדן איינעם, אז טאמער זעהט ער עפעס א פירצה אין אידישקייט ביי אים אינדערהיים איז ער מחויב צו ארויסזאגן זיין מיינונג אז ס'איז נישט אויסגעהאלטן, און מיט דרכי חכמה אוועקנעמען פון זיי די צוהינג צו די עבירה, אויב אבער שווייגט ער און ער גייט ווייטער מיט זיין וועג ווערט עס גערעכנט ווי ער האט צוגעשטימט מיט א גענצליכע הסכמה צו זייערע מעשים ח"ו, און ער ווערט אויך געשטראפט אויף זייערע עבירות, אזוי אויך זעה מיר פריער אין די תורה (ה' ל"א) ביי די פרשה פון א סוטה "וניקה האיש מעוון", אז נאר נאך וואס דער מאן האט זיך געזארגט איר צו טראגן בודק זיין אין בית המקדש און קעיר נעמען פון די פירצה ווערט ער ריין פון די עבירה, אבער טאמער לאזט ער עס אזוי און ער גייט ווייטער דעמאלט'ס האט ער אויף זיך די עבירה. פון דעם דארפן אונז זיך לערנען אז אויב זעהט א מענטש חלילה א רוחניות'דיגע פראבלעם ביי איינער פון זיין הויזגעזונד, דארף ער גלייך גיין צו מומחים אין די ענין זיך דורכשמועסן, און אריינלייגן פילע כוחות און געלט צו זיי צוריק אוועקשטעלן אויפ'ן ריכטיגן אידישן וועג.

**דער** הייליגער 'חפץ חיים' פלעגט אויס'משל'ען ווי אין די יום הדין וועט א מענטש זיך אנטרעפן מיט פילע עבירות וואס ער האט קיינמאל נישט עובר געווען אויף עס, אבער אין הימל רעכנט מען עס יא ווי ער האט זיי עובר געווען, ווי אויב ער האט געקענט מוחה זיין אויף דיע וואס האבן געטוהן די עבירה און פארמינערן זייער השפעה און ער האט נישט מוחה געווען דעמאלט'ס ווערט ער מיטגעכאפט מיט די עבירה (שבת נ"ה.), ווי אויך איינער וואס רעדט לשון הרע אויף א חבר פירט מען אריבער צו אים אלע עבירות וואס דער מענטש ווענמען ער האט בארעדט האט עובר געווען (חובת הלבבות שער הכניעה פ"ז, אורחות צדיקים שער הענווה), און די זעלבע פארקערט, ער קען זיך באגעגענען מיט פילע מצוות און זכותים אין זיין חשבון וואס ער האט קיינמאל נישט מקיים געווען, וואס דאס איז ווען איינער האט אויף אים גערעדט לשון הרע פירט מען אריבער צו אים אלע זכותים וואס יענער האט פארמאגט.

### די קיום אין ארץ ישראל איז אין זכות פון די בני תורה

**"אלף למטה אלף למטה לכל מטות ישראל"** (ל"א ד')

"שלושה אלפים מכל שבט ושבט שלח, י"ב אלף משמרים את כליהם, וי"ב אלף לתפלה , ומנין שכן, שנאמר אלף למטה אלף למטה, הרי כ"ד אלפים וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה הרי י"ב אחרים". (ב"ר כ"ב ב')

**ער** ברענגט ארויס אז די סדר המלחמה דעמאלט'ס איז געווען, אז טויזנט מענטשן האבן געדאוונט די מלחמה זאל מצליח זיין קעגן די טויזנט וואס זענען ארויסגעגאנגען אויפן פראנט, וויבאלד זיי האבן געוואוסט אז די אמת'ע ניצחון איז תלוי אין תפילה, פארדעם אנטקעגן יעדער סאלדאט וואס איז ארויס אויפן פראנט מלחמה צו האלטן בפועל האט מען געשטעלט א סאלדאט זאל מתפלל זיין, און טראץ וואס די וואס זענען ארויס מלחמה האלטן זענען געווען צדיקים, (ווי רש"י זאגט אויפן פסוק "אנשים-צדיקים"), דאך האבן זיי פארשטאנען אז די עיקר ישועה קומט פון די תפילה האבן זיי געשטעלט אנדערע זאלן דאווענען פאר די הצלחה.

**אין** אונזערע צייטן קענען די פרייע אידן נישט אויסהאלטן אז די לומדי תורה האלטן זיך אין איין פארמערן, און זיי ווילן ארויסשלעפן די בחורים זאלן דינען אין זייער מיליטער, און עיניים להם ולא יראו, זיי ווייסן נישט און פארשטייען נישט אז ווען נישט די בני תורה וואס ארץ ישראל פארמאגט, וואלט די אידישע ישוב שוין פון לאנג חרוב געווארן דורך אונזערע פיינט וואס רינגלען אונז ארום פון אלע זייטן און ווילן אונז פארלענדן, און דער באשעפער ראטעוועט אונז פון זייערע הענט נאר מיט די כח פון די היגע בני תורה.

**איינמאל** האט זיך איינער פון די פירער'ס פון די מיליטער דא אין ארה"ק זיך אפגערעדט פאר מיר, פארוואס מ'דארף געבן א 'פטור' פון מיליטער פאר אלע צענדליגער בני תורה ווייל כדי ס'זאל זיין רבנים און מרביצי תורה איז גענוג ס'זאלן זיצן אין די ישיבות צוויי טויזנט בני תורה און די איבריגע זאלן זיך שטעלן צום מיליטער, האב איך אים געענטפערט, אז ביים באשעפער'ס מיליטער ארבעט עס אזוי ווי ביי זייער מיליטער, ביי זייער מיליטער דינט יעדער פאר צוויי דריי יאר, און זיי פרובירן צו דערוועלן די געלונגענע לייט זאלן דארטן פארבלייבן, אזוי אויך רופט מען יעדע'ס יאר אריבער יעדעם איינעם פאר טרענונגען פון צוויי וואכן אים צו צוריקברענגען צו די כוחות מלחמה צו האלטן, אבער דאס איז נאר אין שלום'ס צייטן, ווען ס'קומט אבער צו א מלחמה דעמאלט'ס דארף יעדער איינער זיך שטעלן צום מיליטער.

**און** די זעלבע איז ביי אונזער מיליטער פונעם באשעפער, אין די פריערדיגע דורות וואס אונז האבן געקענט לעבן א שטילע און רואיגן אידישן לעבן האט טאקע נישט יעדער געדינט בקביעות אין די מיליטער, נאר א טייל האבן געלערנט אין ישיבה פאר עטליכע יאר, און שפעטער זענען זיי ארויס ארבעטן פאר פרנסה און האבן זיך קובע געווען עיתים לתורה, און זיי זענען צוריקגעקומען יעדע'ס יאר פאר א שטיק צייט ווי חודש אלול אדער עשרת ימי תשובה אין באשעפער'ס הויז צו שפירן די זיסקייט פון די תורה'דיגע לעבן און זיך אנזאפן מיט פרישע רוחניות'דיגע כוחות פאר די גאנצע יאר, אבער די וואס זענען געבליבן מיט א קביעות א גאנצן טאג אין ביהמ"ד לערנען זענען נאר געווען די אויסגעצייכנטע וואס האבן מצליח געווען אין לערנען.

**אבער** היינטיגע צייטן וואס איז א עת מלחמה, ווען די ארטיגע רעגירונג זיכט צו אפפירן אידישע קינדער מיט פריצות און דברי כפירה, און אין מיליטער אליינ'ס לאזן אסאך אירע אפ זייער אמונה רח"ל, קומט אויס אז די גאנצע קיום התורה אין ארץ ישראל שוועבט אין א סכנה, דארף יעדער דינען מיט א קביעות אין באשעפער'ס מיליטער, און אונז קענען נישט צולאזן די בחורים זאלן פארלאזן די ישיבות אפי' פאר א קורצע זמן, ווייל אויך אויב וועלן זיי ח"ו זיין אין מיליטער פאר א קורצע ווייל'ע קענען זיי אויך צוקומען צו פארלירן און אפלאזן די גאנצע אידישקייט און אמונה, פארדעם דארפן אונז אלע זיין אין די ישיבות זיך צו באשיצן פון די פגעי הזמן.

**האט** ער מיך געבעטן אז ס'וואלט געווען א שיינע זאך ווען כאטש עטליכע הונדערט צו אפי' עטליכע צענדליגער בחורים זאלן זיך שטעלן צו א עקסטערע אפטיילונג פאר פרומע אין מיליטער, און אזוי וועט עס שטילן אביסל די אנגעהייצטע געמיטער פון די פרייע ציבור אויף דעם אז די חרדים ווילן נישט העלפן צו באשיצן דאס לאנד, האב איך אים געענטפערט, אז פונקט פארקערט די לומדי תורה זענען די וואס היטן אפ דאס לאנד, ווייל עכט איז אונזער גאנצע קיום דא א אפענע נס, וויבאלד אונז זענען ארומגערינגלט מיט רייכע פעלקער וואס האבן צוגעגרייט מיליאנען סאלדאטן מלחמה צו האלטן מיט אונז, און די גאנצע סיבה פארוואס אונז ווערן מיר געראטעוועט פון זיי איז נאר אין זכות פון לערנען די תורה,

און אויב וועלן אונז פארלירן די זכות וועלן אונז ווערן ווי די אנדערע פעלקער וואס ווערן געפירט מיט די דרך הטבע, און אונז וועלן נישט האבן קיין שום האפענונג קעגן אונזערע פיינט, קומט אויס אז יעדער בחור וואס זיצט און לערנט איז דער ריכטיגער מענטש וואס באשיצט די איינוואוינער אירע פון די פיינט.

**און** איך האב צוגעלייגט, אז אין מצרים האבן שבט לוי נישט דורכגעמאכט די שעבוד, כאטשיג וואס זיי זענען געווען ארום צען פראצענט פון כלל ישראל, דאך האט פרעה פארשטאנען אז די כהנים וואס שטייען צו דינען דעם באשעפער זענען פטור, די זעלבע זענען די וואס לערנען די תורה היינטיגע צייטן, און א חלק פון די מלחמה איז די וואס זיצן און דינען דעם באשעפער, און נאכמער, אזוי ווי מ'טרעפט ביי מילה אז טאמער זענען זיינע ברודער געשטארבן וועגן די ברית מילה טאר מען אים נישט מל'ען, די זעלבע איז מיט'ן דינען אין מיליטער וואס איז געווארן מוחזק מיט'ן עובר זיין אויף די דריי הארבסטע עבירות, און זייער אסאך פאלן דארט אוועק פון אידישן וועג, און ס'איז גענוג מיט די ניבול פה אליינ'ס וואס מ'הערט זיך דארטן אן צו פארלירן די גאנצע ערליכקייט און הייליגקייט, און פארשטייט זיך אז ס'איז דא נאך אסאך טעמים פארוואס מ'טאר נישט גיין אין מיליטער, ואכמ"ל.

# פארשידענע הנהגות און הדרכות בקודש פנימה

## די חשיבות פון היטן כשרות

**נישט** קיין לאנגע צייט צוריק האבן די ראשי קהילה פון די פרומע קהילה אין שווייץ געשיקט א בריוו צו מרן שליט"א, און פארגעשטעלט אזא שאלה.

**די** מעשה איז געווען אזוי, א איד וואס איז נישט געווען קיין שומר תו"מ געקומען וואוינען אין זייער קהילה, און ער זאגט אז אצינד וויל ער זיך דערנענטערן צו אידישקייט און אריינקומען תחת כנפי השכינה, אבער ער טענה'ט אז ער קען נישט אויפאיינמאל זיך מקבל זיין אויף זיך אסאך זאכן, ווייל ער איז חושש פון די כלל פון 'תפשת מרובה לא תפסת כו' ', פארדעם וויל ער צום ערשט מקבל זיין אויף זיך אדער צו היטן שבת אדער היטן כשרות, און ער פרעגט וועלכע איז ענדערשטער אין די מצב ער זאל זיך מקבל זיין, כשרות אדער שמירת שבת.

**מרן** שליט"א האט אריינגעטראכט אין דעם, און האט געענטפערט פאר די ראשי קהילה אז זיי זאלן אים איבערגעבן אז אין די סטעפ איז ענדערשטער ער זאל פריער מקבל זיין שמירת כשרות.

**מרן** שליט"א האט געגעבן א ערקלערונג צו זיין פסק, וויבאלד עס שטייט אין חז"ל אז מאכלות אסורות פארשטאפט דאס הארץ פון א מענטש, אויב אזוי ווען ער וועט אכטונג געבן אויף כשרות און נישט עסן קיין מאכלות אסורות וועט זיך אפטוהן פון אים די טמטום הלב, און ס'וועט העלפן אז ער זאל ווי שנעלער קענען אנפאנגען צו היטן שבת בס"ד.

**נאך** א טעם האט מרן שליט"א צוגעלייגט, לויט דער ר"ן וואס שרייבט אין מס' יומא אז צוויי לאווין איז אזוי הארב ווי א לאו וואס איז דא אויף עס סקילה, אויב אזוי טאמער וועט ער עסן מאכלות אסורות עטליכע מאל וועט ער עובר זיין א עבירה וואס איז שקול ווי די לאו פון שבת.

## הצלת נפשות ברוחניות

**א** יונגערמאן א בן תורה וואס וואוינט אין ארה"ק איז אין די טעג געקומען צו מרן שליט"א מיט א שאלה.

**איינע** פון די חשוב'ע ארגינעזיישנ'ס דא אין לאנד וואס פארזארגן שוין יארן לאנג און טראגן אן פאר פרומע משפחות אריינצונעמען אויף שבת פרייע בחורים, מיט'ן ציל אז זיי זאלן צוזעהן פונדערנאנט די מושגים, און זיי זאלן כאטש אביסל שפירן די זיסקייט און די געשמאק פון די שבת'דיגע טאג, און אזוי וועלן זיי שוין אויך פילן עפעס א טעם אין אידישקייט, א בחינה פון 'טעמו וראו כי טוב ה' ', אבער יעצט שלאגן זיי אים פאר אריינצונעמען אויף שבת צוויי פרייע בחורים וואס קומען פון מיליטערישע טרענונגען, פרעגט ער צו ער זאל עס טוהן, אדער וויבאלד זיי זענען שוין אנגעשטאפט מיט אלע מיני תאוות העולם וכדו' האט עס נישט קיין שום תועלת.

**ווען** מרן שליט"א האט געהערט די שאלה האט ער זיך געוואונדערט אויפ'ן יונגערמאן וואס האט דאס געפרעגט, און ער האט אים געענטפערט, זיכער איז פאראנען אין דעם א גרויסן ענין ער זאל זיי אריינעמען, און זיי זאלן פילן און טועם זיין די שיינקייט פונעם שבת קודש, און אזוי צוביסלעך וועט ער זיי קענען מקרב זיין און אריינברענגען תחת כנפי השכינה, און די כלל איז באוואוסט, אז ווי מער מ'קען ראטעווען אין רוחניות ליגט א חיוב אויף אונז צו ראטעווען.

**מרן** שליט"א האט צוגעלייגט און אים געזאגט פון טיפעניש פון הארץ: "נעם אן די כלל אין דיין לעבן, אז מ'קען נישט וויסן וויפל יעדע פעולה אפי' א קליינע זאך קען משפיע זיין אויפן נפש פון א מענטשן בעתיד, אויב אזוי איז זיכער אז אזא דערהויבענע פעולה פון די תפילות און די סעודות שבת מיט די העכערע רוחניות'דיגע אטמאספער וואס הערשט ביי דיר אינדערהיים און אין ביהמ"ד וועט עס זיי העלפן אויף שפעטער אז זיי זאלן צוריקקומען צום אידישן וועג, דאס איז גאר א גרויסע פעולה, און פארשטייט זיך אז מ'קען זיך אינגאנצן נישט פארשטעלן די שכר וואס ווארט דיך אפ אין עולם העליון וועגן דעם, און ס'איז באוואוסט די מאמר חז"ל "כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא", און ווער איז א שוטה וואס וועט אוועקלויפן פון אזא טייערע מצוה וואס איז אנגעקומען צו אים", אזוי האט מרן שליט"א געענדיגט זיינע ווערטער.

## חינוך הבנים וויכטיגער ווי קירוב רחוקים

**אין** די לעצטערע טעג איז אויך אריינגעגאנגען צו מרן שליט"א א חשוב'ער מענטש וואס באשעפטיגט זיך מיט קירוב רחוקים אין א לאנד אין דרום אמעריקא, דארטן איז ער זיי מקרב צום אידישן וועג, און ער האט זיי אויך געבויט אויפן פלאץ א מקוה טהרה, און נאך פילע וויכטיגע פעולות מיט וואס ער האט זיי געהאלפן דערמיט זיך צוריקשטעלן אויפ'ן דרך המלך.

**האט** דער איד געפרעגט פון מרן שליט"א, אז ער האט אינדערהיים קעיה"ר א זוהן פון צוועלעף יאר אלט, און נאך אים האט ער נאך עטליכע מיידלעך, און אין יענע פלאץ זענען זיי די איינציגסטע פרומע משפחה ווען אלע משפחות דארטן זענען פרייע משפחות, אויב צוליב חינוך הבנים והבנות דארף ער פארלאזן דאס פלאץ און ארויפקומען קיין ארה"ק אויפצוהאדעווען די קינדער אין געגנדווער פון ערליכע אידן, אדער וויבאלד ער האט נאכנישט געטראפן קיין צווייטן זאל איבערנעמען זיין אמט דארטן מיט זיינע קירוב פעולות דארף ער דערווייל בלייבן דארט.

**האט** אים מרן שליט"א געענטפערט מיט די לשון: "אויב ווילסטו האבן קינדער יראי ה' דארפ'סטו אריבערגיין קיין ארץ ישראל, וויבאלד דארטן קען מען נישט מגדל זיין די קינדער אויפ'ן תורה'דיגן וועג אין געגנדוואר פון פרייע אידן און פורקי עול".

**אבער** למעשה האט מרן שליט"א צוגעלייגט אז ער זאל דארטן פארבלייבן פאר נאך זעקס חדשים, ביז די דארטיגע ראשי הקהילה וועלן טרעפן א ממלא מקום וואס זאל איבערנעמען זיין פלאץ, און בעסער ער זאל אצינד לאזן וויסן פאר די הנהלת הקהילה אז ער האט אין פלאן צו פארלאזן דאס מקום ביז זעקס חדשים.

**אויך** האט מרן שליט"א אים געזאגט, אז אויך נאך וואס ער וועט שוין אהינקומען קיין אר"י וואוינען, זאל ער זיך משתדל זיין פון צייט צו צייט זיך אומצוקערן אהין אויף קורצע תקופות מחזק צו זיין די קהילה, אבער ער זאל פארן אליינ'ס אן זיינע קינדער.

**ווען** מ'האט פארענדיגט די שמועס האט מרן שליט"א אים ווידעראמאל איבערגעזאגט: "דו זאלסט קלאר וויסן אז אויב ווילסטו מגדל זיין דיינע קינדער דארטן, האסטו נישט קיין האפענונג אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע קינדער, פארדעם ביזטו מחויב ארויפצוקומען קיין ארה"ק".

# עובדות און הנהגות פון מרן שליט"א

**די** אלוועלטליכע עולם התורה והיראה זענען דערפריידט געווארן מיט די גוטע נייעס וואס האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט אין די איצטיגע טעג, אז נאך געזונהייט דורעכגאנג און דערנאך די ערהוילונג פון ארום א חודש צייט, האט זיך מרן שליט"א צוריקגעקערט איבערצוגעבן זיינע קביעות'דיגע שיעורים אין היכל הישיבה ווי בעפאר, לבקשת הרבים ברענגען מיר דא עטליכע קרישקעלעך וואס איז פארצייכנט געווארן דורך זיין אייניקל משב"ק הרה"ג ר' דוד שטערנבוך שליט"א איבער די הנהגות פון מרן שליט"א אין די צייט וואס ער האט פארווײלט אין שפיטאל:

**די** גאנצע אידישע וועלט פון אלע שיכטן און קרייזן צוזאמען מיט די בני בית זענען געווען זייער באזארגט אין די טאג וואס מרן שליט"א איז אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל אין חודש סיון תשפ"ב מיט געזונטהייט קאמפליקאציעס און מיט'ן באשלוס איינצופלאנצן א פעיסמעיקער (קוצב לב) בליבו הטהור.

**אין** אלע ת"ת, אין די היכלי הישיבות און אין די כוללים, אזוי אויך אין אלע שוהלן האט מען מרבה געווען בתפילות ותחנונים פאר די נאנטע רפואה פון מרן שליט"א.

**אבער** אויך אין די שווערע צייט האבן אונז געהערט פון מרן שליט"א ווערטער פון חיזוק און אמונה, מרן שליט"א האט געהאלטן אין איין ארומרעדן אז ס'איז נישט דא קיין שום טבע און מקרה אויפן וועלט, און ער האט צוגעברענגט די פסוק "אין אלוקים זולתיך", און ער האט מסביר געווען אז אזוי ווי מ'קען נישט צוגלייכן א מענטש צו א בעל חי, די זעלבע איז נישט שייך צוגלייכן קיין שום באשעפעניש צום באשעפער, וואס איז נישט דא קיין זיינס גלייכן און קיין זאך וואס איז דומה צו אים, און אלעס איז אנגעהאנגען נאר און אים, און צו אים האפן מיר און צו אים ווארטן אונז.

**א** מורא'דיגע מעשה האב איך צוגעזעהן ווען ער האט זיך אויפגעהאלטן אין שפיטאל: "ווען אין איינע פון די טעג וואס ער איז געווען זייער שוואך, איז אריינגעקומען צו אים א גוי'שער דאקטער דורכצופירן אויף אים פארשידענע טעסטן, און מרן שליט"א האט זיך צושריגן אויף אים און אים געפרעגט מיט א שטארקייט "דו גלייב'סט"?, און נאר נאך וואס ער האט אים געענטפערט אז ער גלייבט האט ער זיך געלאזט פון אים דורכצופירן די טעסטן, און דאן האט ער צוגעלייגט צו זיינע משמשים בקודש אז אויב ס'איז שייך און ס'איז במציאות זאל מען זעהן אריינצולאזן צו אים נאר דאקטורים וואס גלייבן אין באשעפער".

"**ס'איז** מבהיל על הראיון צו צוזעהן די תפילות פון מרן שליט"א אין די טעג, ער פארגיסט טייכן טרערן און איז מרבה מיט פילע תפילות אויף די צער פון אידישע קינדער, ער רעכנט אויס זיין צער צוזאמען מיט די צער פון כלל ישראל, און ער זאגט מיט טרערן "דם ישראל נשפך כמים, אהה ה' עד מתי יעשן אפך בעמך", און נאך פיל אזעלכע ווערטער".

"**מרן** שליט"א רעדט ארום אין די טעג א גאנצן צייט אמונה ווערטער, אז ס'איז נישט פארהאנען אויף די וועלט קיין שום טבע און פאסירונגען, און דער הייליגער באשעפער איז דער ראשון און דער אחרון, ער איז למעלה מן הזמן און האט נישט קיין גבול, און עטליכע מאל האט ער ברייט ארומגערעדט אז דער באשעפער איז דאך אזא טוב ומטיב, און מ'דערקענט אויף טריט און שריט ווי ער פירט די וועלט, און אויב אזוי האט ער אויסגעפירט "ווי אזוי קען מען זיין אן אפיקורס"?.

"**אינטערעסאנט** אנצוצייכענען אז ווען מרן שליט"א רעדט פון א 'אפעראציע' (ניתוח) רופט ער עס אן א 'נס', און ער האט ארומגערעדט מיט א שטארקן ביטחון איבער די הצלחה פון די אפעראציע וואס גייט פארקומען אויפצומארגנס, און ער האט געזאגט "מארגן גייט זיין אפענע ניסים".

**זיין** אייניקל הר"ר א"י ב"ר חיים עוזר האט מעיד געווען: "אין איינע פון די נעכט נאך די אפעראציע בין איך אנוועזנד געווען אין די צימער פון מרן שליט"א ווען ער איז געווען איינגעהילט אין א שוואכקייט, און איך האב געזעהן ווי ער איז ארויף אויף זיין געלעגער און ער האט נישט מצליח געווען איינצושלאפן פאר צוויי שעה, און אין לויף פון די צוויי שעה האט ער געהאלטן אין איין מורמלען פסוקים פון קבלת עומ"ש ברציפות, און ער האט געזאגט אהין און צוריק "ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד", "ה' הוא האלוקים", "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד".. אזוי האט ער געזאגט מיט א געוואלדיגן התרגשות אהין און צוריק, ביז ער איז אנטשלאפן נאך צוויי שעה".

"**נאך** די אפעראציע איינצופלאנצן די פעיסמעיקער אין זיין הארץ, ווען מרן שליט"א האט געעפנט זיינע

המשך בעמוד ד'

# א מאמר אין הלכה

## עסן אין נישט גע'טובל'טע כלים

**"וכל אשר לא יבוא באש תעבירו במים" (במדבר ל"א כ"ג)**

**עס** מאכט זיך אסאך מאל ביי בעלי תשובות וואס זיי ווערן איינגעלאדנט ביי זייערע פרייע עלטערן אדער חברים, און מ'געבט זיי צו עסן און טרינקען אין נישט גע'טובל'טע כלים, און אזוי אויך איז אויסגעקלארט געווארן אז כמעט אלע האטעלן און רעסטוראנטן טובל'ען נישט זייערע כלים, האט מען מיך אנגעפרעגט צו א גאסט אין א האטעל מעג עסן און טרינקען פון די ארטיגע כלים.

**אין** ספרי הקדמונים און אין רמב"ם (פי"ז ממאכלות אסורים ה"ג) און אין רמ"א (סי' ק"כ סוף סעי' ח') אז דאס וואס מ'טאר זיך נישט נוצן מיט כלים וואס זענען נישט גע'טובל'ט, איז נישט די כוונה אז כל זמן האסט עס נישט גע'טובל'ט איז חל א טומאה אויף די כלי און פארדעם טאר מען זיך נישט נוצן דערמיט [און לויט דעם איז די חיוב עס צו טובל'ען א חיוב חפצא], נאר די חיוב עס צו טובל'ען איז נאר א חובת גברא עס צו טובל'ען, און מ'טאר זיך נישט נוצן מיט דעם וויבאלד אויב נוצט ער זיך דערמיט איז ער מבטל די מצוה, וויבאלד די מצוה איז עס צו טובל'ען פאר'ן זיך נוצן מיט דעם.

**אין** 'ישועות יעקב' און אין 'ביאור הלכה' (סימן שכ"ג) שטייט אז מדאורייתא מעג מען זיך נוצן מיט די כלי פאר'ן עס טובל'ען, מוז זיין אז מן התורה איז די חיוב נישט וויבאלד ס'איז דא א טומאה אויף די כלי ווייל איך זעה אז מ'מעג זיך נוצן מיט דעם מדאורייתא פאר'ן טובל'ען, אויב אזוי שטימט זייער גוט אז דאס וואס רבנן האבן גע'אסר'ט צו זיך נוצן דערמיט פאר'ן טובל'ען איז נישט וויבאלד זיי האבן מחדש געווען א נייע דין אז ס'איז חל א טומאה אויף די כלי, נאר זיי האבן נאר מחייב געווען עס צו טובל'ען פאר'ן נוצן.

**לויט** דעם קומט אויס אז נאר דער וואס ליגט אויף אים די חיוב צו עס טובל'ען טאר זיך נישט נוצן מיט דעם פאר'ן טובל'ען, וויבאלד אזוי איז ער מבטל די מצוה, אבער דער וואס ליגט נישט אויף אים די מצוה מעג יא זיך נוצן דערמיט. און מ'קען זאגן אז כאטש וואס די חיוב עס צו טובל'ען ליגט נישט נא אויפ'ן בעל הכלי נאר אויך אויף דער וואס נוצט זיך דערמיט, אזוי ווי ס'ווערט קלאר גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (סי' ק"כ ס"ח) אז טראץ וואס א איד וואס בארגט א כלי פון א גוי איז פטור פון עס טובל'ען, דאך ווען ער בארגט א כלי פון א איד וואס האט עס געקויפט פון א גוי וואס ס'ווערט מחויב מיט'ן טובל'ען אין די הענט פון דער לוקח דארף דער שואל עס יא טובל'ען, זעה מיר קלאר פון דא אז אויב איז די כלי שוין מחויב געווארן מיט טבילה אין דעם ערשט'נס הענט איז די חיוב שוין חל אויף יעדן וואס נוצט זיך מיט דעם פון יעצט עס צו טובל'ען.

**פונדעסטוועגן** איז מסתבר אז נאר ווען איינער נוצט זיך מיט א כלי וואס ער האט געבארגט אדער געדינגען וואס דאן איז עס אין זיין רשות ווערט ער מחויב עס צו טובל'ען, אבער א גאסט וואס עסט ביי זיין חבר וואס דאן איז די כלי נישט אין זיין רשות עס צו קענען טובל'ען, איז ער נישט מחויב עס צו טובל'ען, אויב אזוי קומט אויס אז א גאסט מעג עסן אין אומגע'טובל'טע כלים.

**אבער** אין ספר 'טבילת כלים' (פ"ג הערה כ"ד) ברענגט ער פון הגר"ח קנייבסקי זצ"ל בשם רבינו ה'חזון איש' אז א גאסט טאר נישט עסן אין כלים וואס זענען נישט גע'טובל'ט, און אזוי האט אויך געהאלטן הגאון הגדול רבי משה פיינשטיין זצ"ל. אבער בשעת הדחק קען מען מיקל זיין ביי גלאזערנע כלים וואס די גאנצע חיוב טבילה ביי דעם איז נאר א דרבנן, און ס'קען זיין אז אויך ביי כלים וואס זענען געמאכט פון אלומיניום מאטריאל קען מען זיך פארלאזן אז ס'איז מחויב טבילה נאר מדרבנן, און מיקל זיין בשעת הדחק צו עסן אין דעם ווען ס'איז נאכנישט גע'טובל'ט, און איך האב געהערט אז הגרש"ז אויערבאך זצ"ל האט אויך אזוי געהאלטן.

**שפעטער** האב איך געזעהן אין 'חידושי חתם סופר' אויף יורה דעה (געדריקט געווארן צום ערשטן מאל פון א כתב יד אין לאנדאן תשט"ו) אז ער שרייבט (סוף סי' ק"כ) מיט די לשון: "ויש ליזהר מלשתות בבית המומר בכליו, שהרי צריכים טבילה כשקנאם מן הגוי ואסור לנו להשתמש בהם אפילו באקראי בלא טבילה".

המשך בעמוד ד'

# דברים העומדים על הפרק

## די ווערטער פון מרן שליט"א איבער די גזירה צו מבטל זיין די כשר'ע סערוויס פון די סעלפאונ'ס אין ארץ ישראל אין די נאנטע צייט

**בעוה"ר** איז מען נישט מוחה היינט צוטאגס געגוג מיט די מחשבה אז ס'גייט נישט אויפטוהן, אבער אינ'אמת'ן אריין איז די מחאה א חיוב פאר זיך אפי' ס'העלפט נישט, אזוי ווי מרן הגרי"ז זצ"ל האט געזאגט אז מיט דעם ווייזט מען אז ס'טוהט אונז וויי די חילול כבוד שמים.

**אין** די לעצטע תקופה הערט זיך א געוויין אין ארץ הקודש, וויבאלד די ראשי הממשלה ווילן אין צוויי וואכן ארום אונז שטערן פון היטן די אידישקייט ווי ס'דארף צו זיין און פון מחנך זיין אונזערע קינדער, זיי ווילן מבטל זיין די 'קומה הכשרה' (כשר'ע סערוויס) פון די כשר'ע טעלעפאונ'ס, כדי צו מטמא זיין ח"ו אונז און אונזערע קינדער מיט'ן הערן ניבול פה, און אויפצוברעכן די מחיצה וואס טיילט אפ צווישן די כשר'ע טעלעפאונ'ס און די נישט כשר'ע אריינצוברענגען און פארשפרייטן די טמא'נע אינטערנעט וואס איז די אבי אבות הטומאה ה"י.

**באמת** אין די פריערדיגע יארן האט מען נישט געטראכט פון אזא זאך אז אידישע קינדער מזרע ישראל זאלן אונז נישט לאזן היטן די תורה אין ארה"ק, אבער אין אונזער דור האט דער באשעפער געשיקט א גרויסן נסיון פאר ביאת המשיח, ווייל אין לך יום שאין קללתו מרובה משל חבירו, און אונז דארפן שטיין פעלזן פעסט און מוחה זיין קעגן זיי מיט א שטארקייט,און אונז וועלן נישט איינרוהען און שטיל בלייבן, נאר ניצן אלע מיטלען וואס שטייט פאר אונז אויף דעם וואס מ'רודפ'עט אונז נישט צו האלטן קיין אידישקייט, און מיט מסירות נפש וועלן אונז מלחמה האלטן אנצוהאלטן די אידישע וועג אין ארץ הקודש, און דער באשעפער זאל העלפן אז אונז זאלן זוכה זיין מבטל צו זיין ווי שנעלער די שלטון הרשע, און צו הרמת כבוד השכינה הקדושה דורך ביאת משיח צדקנו בב"א.

עובדות און הנהגות פון מרן שליט"א / המשך מעמוד ג'

הייליגע אויגן האט ער געבעטן צו טרינקען, אבער דער דאקטער האט זיך צוריקגעהאלטן וויבאלד ער האט מורא געהאט אז נאכנישט אלע זיינע אברים האבן זיך אויפגעוועקט פון שלאף, אבער מרן שליט"א האט אים געענטפערט אויפן פלאץ "מ'קען מיך פארהערן יעצט בבלי און ירושלמי, ספרא און ספרי, ווי דו ווערסט ווערן אין כתובות אדער אין יבמות, און אזוי ווערסטו איינזעהן אז איך האב מיך שוין אינגאנצן אויפגעכאפט". (געהערט פון זיין אייניקל הר"ר א"ש בר"א וואס איז געווען אנוועזנד).

"**ווען** עס זענען אנגעקומען די רעזולטאטן פון די טעסטן נאך די אפעראציע, אז אלעס איז ב"ה דורכגעאנגען מיט גרויס הצלחה, האט מרן שליט"א אנגעפאנגען צו זאגן נשמת כל חי מיט א געוואלדיגע התרגשות, שפעטער ווען מרן שליט"א איז באפרייט געווארן פון שפיטאל האט ער דערציילט וואס ער האט געהערט פון מרן הגרי"ז זצ"ל, ווען איינער האט אים גע'טענה'עט אז ווען דער באשעפער ווייזט ווען אפענע ניסים פאר אלע אידן וואס זענען ווייט פון אידישקייט וואלט יעדער תשובה געטוהן, אבער מרן הגרי"ז זצ"ל האט אוועקגעמאכט זיינע ווערטער און געזאגט, אז ס'איז נישט געגוג מיט קיין ניסים אליינ'ס, נאר מ'דארף אריינטראכטן אין די אמונה אין באשעפער, און נאר דורכדעם האט די ניסים א כח משפיע צו זיין, האט מרן שליט"א געזאגט אז אויך יעצט ווען ער האט בייגעוואוינט גרויסע ניסים איז נישט געגוג מיט די עצם ניסים, נאר די ארבעט אויף אונז איז זיך מתבונן זיין אין די אמונה דורך די ניסים, און מרן שליט"א האט צוגעלייגט און ארומגערעדט איבער די חובת ההודאה פאר'ן באשעפער אין די צייט, און ער האט אויסגערעכנט איינ'ס ביי איינ'ס אלע ניסים וואס האט צו אים פאסירט די לעצטערע טעג. "אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלוקיו".

מאמר און הלכה / המשך מעמוד ג'

**יעצט,** אז אונז זעה מיר אז רבינו עמוד ההוראה דער חתם סופר זצ"ל אסר'ט, איז מיין דעה בטל געווארן, און איך קען נישט מיקל זיין פאר א גאסט צו עסן אין אומגע'טובל'טע כלים אפי' גלאזערנע כלים וואס איז נאר מחויב טבילה מדרבנן, און נאך מער, ס'איז מסתבר אז אפי' די וואס זענען מיקל דערין, ווען זיי וואלטן געוואוסט אז רבינו הגדול דער חתם סופר זצ"ל נעמט אן לאיסור וואלטן זיי נישט מתיר געווען.

**אבער** א בעל תשובה וואס האלט זיך אויף ביי זיינע עלטערן אדער ידידים וואס זענען מחללי שבת בפרהסיא וואס זייער הלכה איז ווי ביי עכו"ם, איז דא א לימוד זכות מתיר צו זיין, ווייל דאס וואס דער חתם סופר זאגט אז אויך ביי כלים פון א מומר טאר מען נישט טרינקען דערפון אן קיין טבילה איז וויבאלד ער גייט לשיטתו, ווייל ער שרייבט דארטן אז איינער וואס קויפט כלים פון א מומר איז עס נישט מחויב מיט'ן טובל'ען, ווייל לענין דעם הייסט א מומר נישט קיין גוי, אבער אין 'אבני נזר' (סי' ק"ט) וויל ער זאגן אז איינער וואס קויפט כלים פון א מומר איז יא מחויב עס צו טובל'ען וויבאלד א מומר איז פונקט ווי א מומר, אזוי אויך איז געווען גדולי הפוסקים בפרט אין אונגערן וואס האבן מחמיר געווען אין דעם, בפרט כלי מתכות וואס איז מחויב טבילה מדאורייתא, און ער שרייבט דארט אז אויב אזוי ווילאנג די כלים איז נאך אין די רשות פונעם מומר איז עס ווי אין רשות עכו"ם און ס'איז נאכנישט מחויב קיין טבילה, און מ'מעג זיך ניצן מיט די כלים פאר'ן טובל'ען, אבער צום סוף בלייבט ער מיט א צריך עיון. אזוי אויך וויל דער 'דעת כהן' (סי' רכ"ז) זאגן אז לויט דעם קען מען זיך ניצן דערמיט פאר'ן טובל'ען.

**אבער** ס'איז דא אסאך פוסקים וואס האלטן אז איינער וואס קויפט כלים פון א מומר איז עס נישט מחויב מיט טבילה, וויבאלד זיין דין איז נישט ווי עכו"ם לגבי דעם. און אין 'לבושי מרדכי' (סי' רמ"א) וויל ער זאגן אז אפי' טאמער זאג איך אז א מומר האט יא א דין ווי א גוי איז עס אבער נאר ביי א משומד וואס איז אויסגעמישט צווישן די גוים, אבער א מחלל שבת בפרהסיא הייסט נישט קיין עכו"ם לענין דעם, און נאכמער קען זיין אז די מחללי שבת היינטיגע צייטן זענען תינוקות שנשבו וואס האבן אינגאנצן נישט די דין ווי א גוי, און די גאנצע נושא דארף נאך א גרויסן בירור, אבער למעשה זעהט אויס אזוי ווי איך האב געשריבן.

(תשובות והנהגות ח"ה סי' רנ"ט)

## שאלה וואס איז אנגעפרעגט געווארן ביי מרן פוסק הדור שליט"א

**אין** די טעג איז אנגעקומען אויפ'ן טיש פון מרן שליט"א אן אינטערעסאנטע שאלה וואס איז געפרעגט געווארן דורך א געוויסער נגיד וואס וואוינט אין ארה"ב.

**דער** איד פרעגט וויבאלד ער באקומט יעדן איינציגן טאג צענדליגער און אפשר הונדערטער בריוון אין זיין פאסט, פון אידן פון איבער די גארער וועלט וואס נויטיגן זיך זייער וויכטיג אין הילף, און פארבעטן אים ער זאל פאר זיי אראפגעבן פון זיין געלט צו מחי' זיין זייער נפש און זייער משפחה.

**זיין** שאלה איז, אויב איז ער מחויב צו געבן געלט פאר יעדן וואס בעהט אים וויבאלד מ'טאר זיך נישט פארהוילן פון צדקה, אזוי ווי די תורה זאגט מיט א לאו "לא תאמץ" און "לא תקפוץ", אדער זאג איך אז די לאו פון "לא תקפוץ" איז נאר אויב דער עני קומט אריבער פרעזענדליך צו אים אינדערהיים און בעהט אים צדקה פנים אל פנים, אבער נישט ווען ער שיקט אים א בריוו?.

**מרן** שליט"א האט געענטפערט אויפ'ן פלאץ, אז ער איז נישט מחויב צו געבן צדקה פאר יעדן וואס בעהט אים אין א בריוו, און פארשטייט זיך אז מ'איז נישט עובר אויפ'ן איסור פון "לא תאמץ" און "לא תקפוץ".

**מרן** שליט"א האט געעפנט פאר'ן שואל א רמב"ם, און אים צוגעוויזן (פ"ז מהלכות מתנות עניים) וואס ער פסק'נעט: "וכל הרואה עני מבקש והעלים עיניו ממנו עובר בלא תעשה וכו' ואסור להחזיר את העני ששאל ריקם שנא' אל ישוב דך נכלם", פון די ווערטער פון דער רמב"ם זעה מיר קלאר אז די גאנצע איסור איז נאר ווען דער עני שטייט אנטקעגן דיר און בעהט זיך, אבער קומט אויס לויט דעם אז אויב דער עני שיקט א בריוו און בעהט א נדבה, און ער בעהט נישט פנים אל פנים, אויף אזא פאל איז ער נישט עובר אויף די לאווים פון "לא תאמץ" און "לא תקפוץ".

**מרן** שליט"א האט ארויפגעברענגט פאר די ארומיגע א צווייטע שאלה אין די ענין, וואס ווערט זיין טאמער דער עני קאלט אריין אויפ'ן טעלעפאון צום עושר, און ער רעדט זיך אויס פאר אים זיין שווערן מצב, אויב אויף אזא פאל ווערט ער יא זיין מחויב צו אים שיקן צדקה, וויבאלד ס'איז יא דא עפעס א בזיון, אדער זאג איך אז וויבאלד ער האט נישט גערעדט צו אים פנים אל פנים הייסט עס נישט אזא בזיון, וצ"ע.

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717